דב סדן

# באָנטשע שווייג און זיינע גלגולים

### א

״באַנטשע שווייג״ — אַזוי הייסט, כידוע, אַ נאָוועלע פון י. ל. פרץ וואָס איז געוואָרן באַרימט אַ דאַנק דעם כאַראַקטער פונעם פאַרשוין און זיין גורל, וואָס זענען אַ שם־דבר און וועקן אַ מין שטענדיק אַקטואַלן אינטערעס, וואָס שפיגלט זיך אָפּ, נישט בלויז אין דער ליטעראַטור־קריטיק, נאָר אויך אין דער ליטעראַטור גופא. שוין אָפּגעשמועסט פון פובליציסטיק און אפילו מעמואַריסטיק. עס איז, פאַרשטייט זיך, דאָס קינסטלערישע יכולת פון י. ל. פרץ, וואָס איז דעם ענין בייגעשטאַנען, זיך אַזאַ אינטערעס צו דערווערבן, ווי עס פאַרדינט אַן אָריגינאַלער און אויטענטישער סוזשעט. אמת, אין דער מיט פון דער דאָזיקער שטענדיקער אַקטואַליטעט פון דער נאָוועלע, האָט איר אָריגינאַליטעט און אויטענטישקייט עפּעס גענומען וואַקלען, מחמת דער סברה, אַז דער סוזשעט איז גאָר אַן אויסגעליענער — י. ל. פרץ, וואָס האָט זיין נאָוועלע אָנגעשריבן און געדרוקט אין יאָר 1894, זאָל אין איר האָבן נאָכגעגאַנגען דער דערציילונג פון וולאַדימיר קאָראָלענקאָ ״סאָן מאַקאַראַ״ (״מאַקאַרס חלום״), וואָס איז צוערשט געווען געדרוקט 1880, און י. ל. פרץ האָט זי מסתמא געקאָנט.

פאַראַן דערוועגן אַ שטיקל ליטעראַטור — בעיקר האָט דעם ענין עטלעכע מאָל באַרירט שמואל ניגער, סיי דרך אגב, סיי לגופו.

### ב

דרך אגב — אַזוי, אַ שטייגער, אין זיין רובריק ״געלייענט און געשריבן״, ווען ער דערמאָנט דריי שורות פון י. ל. פרצ׳ס אַ קינדער־ליד, וואָס ער האָט איבערגענומען פון מאָריס ראָזענפעלד און שטעלט זיך אויך אָפּ אויפן ענין ״באַנטשע שווייג״ און ״מאַקאַרס חלום״ (״טאָג״, 18 נאָוועמבער 1951), וואָס שייך דעם קינדער־ליד האָב איך שוין באַמערקט, אַז סיי י. ל. פרץ סיי מאָריס ראָזענפעלד האָבן זיך סומך געווען אויף אַ פאָלקס־ליד, וואָס איז פאָלקלאָריזירט לויט אַ ליד פון מיכל גאָרדאָן וואָס גייט ווייטער נאָך אַ עולמיש ווערטל (זע מיין בוך ״בצאתך ובאהלך״, 1966, ז״ז 98—107).

לגופו — ש. ניגער אין זיין גרויסן בוך ״יצחק לייבוש פרץ — צו זיין הונדערטסטן געבורטסטאָג״ (בועבאָס איירעס, תשי״ב) חזרט איבער דעם באַמערק, וואָס ער האָט געדרוקט אין ״טאָג״, און ברייטערט אים אויס (ז. 307—308), ווידער אַמאָל דערמאָנענדיק די בשותפותע מאָמענטן צווישן ״מאַקאַרס חלום״ און ״באַנטשע שווייג״, אַרויסהייבנדיק די שטאַרקע באַזונדערקייטן צווישן זיי, נישט בלויז אין ליטעראַרישן באַהאַנדל — דאָרט אַ לאַנגע צעצויגנקייט, און דאָ אַ שאַרפער לאַקאָניזם, נאָר בעיקר אין דרך פון כאַראַקטער — דער חילוק אין שטעל פוןביידע אויף יענער וועלט. ווי קאָראָלענקאָ לאָזט מאַקאַרס אויטאָ־אַדוואָקאַטישע באַרעדעווטיקייט באַשולדיקן די געזעלשאַפט, בשעת י. ל. פרץ לאָזט אין באַנטשעס שווייגן באַשולדיקן אים גופא, נאָך מער, ניגער דערמאָנט, לויט דוד פינסקים זכרונות, אַז י. ל. פרץ האָט אַמאָל פירגעלייענט ״באַנטשע שווייג״, און מען האָט אים פירגעוואָרפן, אַז ער האָט עס פון קאָראָלענקאָ, האָט ער געלייקנט, אַז ער האָט געלייענט ״סאָן מאַקאַראַ״, איידער ער האָט אָנגעשריבן ״באַנטשע שווייג״. ש. ניגער נעמט עס אָן, ווי עס גייט אָפּיר פון זיין באַמערק, אַז אויב י. ל. פרץ זאָל האָבן פריער געלייענט, וואָלט ער לייכט געקענט דערקלערן, אַז דאָס זענען צוויי באַזונדערע זאַכן.

### ג

ווי געזאָגט, איז דער חשד פון אימיטאַציע אַ שפּעטער, דען סיי פאַר דעם סיי נאָך דעם האָט דער לייענער נישט געספּקט אין דער תוכיקער אָריגינאַליטעט פון ״באַנטשע שווייג״, וואָס איז תיכף געוואָרן אַ שם־דבר. אַ ראיה דערצו — בלויז אַ יאָר איז פאַרגאַנגען, זייט ״באַנטשע שווייג״ איז געדרוקט געוואָרן, און שוין שרייבט מאָריס ווינטשעווסקי, אין אַריינפיר צום ערשטן נומער פון ״דער אמת״, וואָס ער האָט רעדאַקטירט אין באָסטאָן: ״כל זמן עס פאַרבלייבן אין דער וועלט צעהן נאַררען (= נאַראָנים) פאַר יעדן קלוגען, כל זמן עס טומלט זיך מעהר אין דיא ליטעראַרישע שיינקען וויא אין די פרוכט־קראָמען; כל זמן עס זיינען דאָ הונדערטער לעזער פון בעדרום־געשיכטן צווישן ״באָרדערס״ אין ״מיסעס״ פאַר יעדן לעזער פון ״באַנטשע שווייג״ — (3 מאַי 1895). און דאָ בעטן זיך צוויי באַמערקן. ערשטנס, מסתמא איז עס נישט קיין צופאַל, וואָס ווינטשעווסקי הייבט אַרויס, ווי דעם קאָנטראַסט צו דער דעמאָלטיקער שונד־ און קיטש־ליטעראַטור, אונדזער נאָוועלע, צווייטנס, מסתמא וואָלט ער זיך געקווענקלט צו מאַכן פאַר אַ שם־דבר אַן אויסגעליענעם סוזשעט. און ער האָט דאָך גוט געקאָנט קאָראָלענקאָ׳ס שאַפן — אויף דער אַנדערער זייט פון זיין אַרטיקל ברענגט ער דאָך אַ יידיש־נוסח פון קאָראָלענקאָס ״דער בלינדער מוזיקאַנט״, וואָס גייט, אין יענעם בלאַט, אין המשכים. על כל פנים איז מאָריס ווינטשעווסקי׳ס דערמאָן אַ מין אויפטאַקט צום באַהאַנדל פון באַנטשע שווייג ווי אַ שם דבר, וואָס זיינע גלגולים פאַרדינען אַ באַזונדערן, אויספירלעכן, פּרטימדיקן באַהאַנדל און אַנאַליז, אָבער מיר וועלן זיך, לעת עתה, באַנוגענען מיט כאַראַקטעריסטישע שטריכן. און פריער פיר זייטיקע באַמערקן.

### ד

ערשטנס: וועגן עצם נאָמען באַנטשע, וואָס האָט מיך געלאָזט שטוינען, ווען איך האָב די נאָוועלע צוערשט געלייענט, פרעגנדיק פאַר וואָס נישט בענטשע (אָדער בענצע), וואָס איז נאַטירלעכער, ווי אַפּאַרצי פון בן־ציון (אגב, אויך אַ סגולה־נאָמען, און אַזוי האָט מען גערופן אַ קינד, וואָס מען האָט געציטערט דערוועגן, און אָנגעטאָן ווייסע קליידער, ווי עס דערמאָנט דער דייטשישיש יידישער שרייבער בערטאָלד אויערבאַך), איידער באַנטשע וואָס איז נישט געווען אין אונדזערע קאַנטן, איז אָבער שכיח אין אַנדערע קאַנטן — למשל, אין משה קולבאַקים דראַמע ״בויטרע״ הייסט באַנטשע דער קהל־מסור, וואָס כאַפּט די רעקרוטן (אין פאָלקסמויל, סיי יידיש סיי אוקראַיניש: נעקריטן).

יאָ, דער נאָמען באַנטשע איז געוואָרן אַ פען־נאָמען, אַזוי, למשל, האָט זיך גערופן אברהם ראָזענפעלד. אַ בעיקר הומאָריסטישער שרייבער. פאַראַן אויך אַ דימינטיוו, ווי אַ משפחה־נאָמען — אַזוי דער באַקאַנטער טוער און שרייבער, ישכר באַנטשיק. ביידע שרייבער זענען פון פוילן.

מעגלעך, אַז דער נאָמען האָט אַ ניואַנס פון חוזק — אַנדזשעי האַמערלינסקי־דזשערזשינסקי אין זיין בוך וועגן קאָרטן און קאָרטנשפּיל וכדומה אין פוילן, דערמאָנענדיק דעם פערסט פּאָטאָצקי, וואָס האָט אַריינגעקריגן פאַר אַ פריינט און מיטשפּילער דער דעמאָלט גרעסטן דיכטער, נאָך קראַשיצקין, דהיינו טרעמבעצקין, שטרייכט אונטער (1976., ז׳ 271)

“i to nie jakiegoś tam prowincjonalnego *Bończę*, którego miał z dawna”.

[און דאָס נישט עפּעס דאָרט אַ פּראָווינציאַלן באַנטשע, וועלכע ער האָט געהאַט פון פריער]. נאָך עפּעס, דער נאָמען באַנטשע האָט זיך ערגעץ ווי פאַרמישט מיטן וואָרט באָנצע, וואָס גייט פון יאַפּאַניש און מיינט אַ פּריסטער אין יאַפּאַן און כינע, אַ מזרח־אינדישן מאָנאַך, און איז אַריבער אין איירעפּעאישע לשונות, אין זינען פון אַ זאַבאַבאָנעם גלח, און אין לעצטן דור אין זינען פון קליינקאַפּיקן באַאַמטן. און אָט אַ דוגמה פון אַ גאָר פּיקאַנטן באַנוץ — צווישן די חברים אין דער היגער קאָנסטאַנטין־ברונער־געזעלשאַפט איז געווען אַ ויכוח, צי זענען זיי מחויב זיך נישט ווייסנדיק צו מאַכן פון די הנחות פון זייער מייסטער, וואָס זיי קענען זיי נישט אָנערקענען, דהיינו זיין נעגאַטיווע שטעלונג צום ציוניזם, וואָס שליסט אין זיך איין אַ נעגאַציע פון מדינת ישראל,

פראַגע איז וואָס טוט מען מיט די צוויי טויזנט יאָר צווישן זכרון און רצון. מיר קענען נישט האָפן אויף אַ פולן מיזוג גלויות, אויף דער אייניקייט פונעם פאָלק, וויבאַלד יעדער חלק און שבט פון פאָלק וועט נישט קומען צו זעלבסטאויסדרוק און אויפווייזן זיין בייששטייער צום יידישן געדאַנק און בנין הארץ. זאָגט מען, אַז דאַן וועט זיין אַ תוהו־ובוהו, אַ כאַאָס. קיין שום תוהו־ובוהו. אונדזער קולטור איז אַ פלוראַליסטישע און מיט דער ניואַנסירטקייט און פילפאַרביקייט פאַרשענערן מיר בלויז.

מיר פאַרמאָגן אַ געמיינזאַמע ירושה און קולטור, און דאָס פאָלק וועט באַשליסן — וואָס איינזאַפּן און וואָס אויסשפּייען. איך האַלט דעריבער פאַר גוט, וואָס עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס איינצופירן אין די שולן ווי אַ פרייער קעגנשטאַנד, יידיש און לאַדינאָ. איך ווייס נישט וואָס איז דער מצב לגבי יידיש, לגבי לאַדינאָ זענען פאַראַן שווערע פּראָבלעמען. איך ווייס נישט וויפל וועלן לערנען, עס דאַרף אָבער זיין אַ מעגלעכקייט צו קענען לערנען — דאָס איז קלאָר. פאַראַן אַ קאַטעדרע אין אוניווערזיטעט, פאַרלאַגן, און נויטיק הילף און שטיצע פאַרן שרייבער, דיכטער. מלוכהשע הילף און שטיצע דאַרף פאַר דעם געגעבן ווערן, און אין דער מאָס ווי דאָס הויז וועט קענען מיט עפּעס וואָס העלפן אין דעם, וועט דאָס געטאָן ווערן.

פער״, 18 פעברואַר 1966). אָבער צוריק צום גרונטיקן באַנוץ ווי מיר האָבן אַ שטייגער, ביי יונה בערקמאַן: ״וווהין זאָלן גיין די וואָס טרוימען / אַ בולקע מיט פּוטער / אַנטקעגן פאַרשמעלציקטע מאָרדעס פון קיינס / ווען זיי פעלט אַ פּרוטה״ (״ווייפּרייד״ 1977, ז. 25).

ווי ווייט דער באַנוץ קען גרייכן, לאָזט זיך אָפּלערנען פון קוריאָזן ממש ווילדן גלגול — בנימין עלים שטעלט אין זיינס אַ קליינער דראַמע אַנידער נאַצי־פּירערס, וואָס האָבן אויסגעהרגעט יידן, און ווילן אַוועק קיין בראַזיל, אָבער אַ יונגערמאַן וועלכן זיי האָבן געהאַלטן פאַר אַ משרת און אים געבערענט די טריט, אַנטדעקט זיי און לאָזט זיי פאַרהאַפּטן דורך פראַנצויזישע זעלנער, און אייגער פון די נאַציס, וואָס האָט געבושעוועט ווי דער קאָמענדאַנט פון אַן אומקום־לאַגער, זאָגט צו זיינע חברים־רוצחים וואָס האָבן מורא פאַר יידישע נקמה: ״פאַרשטייט, אַז דער ייד פאַרקויפט אייך זיין גאַנצע ראַכע — פאַר אַ בולקע מיט פּוטער! וואָס ווילט איר אונדז איינרעדן — שפּיאָנירן, ראַכע? יידישע ראַכע? אונדז זוכט דער ייד? ער זוכט ווי־דער אַ פאַרדינסטל!״ (״אין אַזאַ וועלט״ 1948, ז. 85).

ח

וואָס שייך ווייטער דער באַנעם פון באַנטשע שווייג ווי אַ מאָדעל פאַר אַנדערע וואָס ווייזן זיך אַרויס ווי זיינע גלגולים, ווי זיי ווערן אַנידערגעשטעלט אין דער פּובליציסטיק און מעמואַריסטיק, האָבן מיר זעלטענער צו טאָן מיט אַ פּאָזיטיוון, סימפּאַטישן צוגאַנג און אָפטער מיט אַ נעגאַטיוון אַנטיפּאַטישן צוגאַנג. וואָס שייך דעם ערשטן צוגאַנג זע, אַ שטייגער ישראל פענסטער אין זיין מאמר: ״דער בורשטינער באַנטשע שווייג״ — עס איז געווען משה לייבאַלע, דער וואַסערטרעגער אין שטעטל: ״שווער, זייער שווער איז אים אָנגעקומען — צונויפצושטיקעווען דעם שבת. ער פלעגט זיך אָבער קיינמאָל נישט באַקלאָגן, פון קיינעם גאָרנישט פאַרלאַנגען, ער האָט זיך קיינמאָל נישט געדונגען וועגן זיין לוין — שוין אָפּגערעדט פון אויפהויבן אַ קול — איינמאָל האָט ער באַקומען פון אַמעריקע פון אַ קרוב 50 דאָלער ער האָט זיי מורא געהאַט צו האַלטן אין שטוב. ער איז געקומען צו יענקל רודי, וועלכער האָט דעמאָלט געהאַט אַ באַנק און אים געזאָגט: ר׳ יענקל, איך האָב דערהאַלטן 50 דאָלער, בעט איך אייך נעמט זיי אַריין צו אייך אין דער באַנק, און פאַר פּראָצענט וועל איך אייך טראָגן וואַסער״ (״אונדזער שריפט״, חיפה, 1977, ז. 109). ענלעך שמואל ווייס אין זיין נעקראָלאָג: ״משה גרינבוים — דער ״באַנטשע שווייג״ צווישן געווזענע קאַצעטלער (״קולטור און לעבן״, יולי־אויגוסט 1971) און אַט דער אַריינפיר: ״ווען משהל גרינבוים איז געקומען צום בית דין של מעלה האָט מען מן הסתם געדאַרפט עטלעכע מאָל אויסרופן זיין נאָמען, ביז ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס מיינט מען אים. ער האָט, חלילה, נישט מורא געהאַט פאַרן גיהנום, מחמת משהל האָט דורך די יאָרן, וואָס די נאַציס האָבן אים געשלעפּט פון איין לאַגער אין אַנדערן, שוין געהאַט דעם גיהנום אויף דער ערד. נאָר ער האָט פּשוט ניט באַנומען, פּונקט ווי פּרצ׳ס ״באַנטשע שווייג״, אַז עמעצער אין הימל וועט מאַכן אַ ווען פון אים״. און ווייטער קומען פּרטים פון זיין האַלב יובל יאָרן אין אַמעריקע, וואָס באַשטעטיקן דעם אַריינפיר, ביז עס קומט דער אויספיר: ״און אַזוי שטילערהייט איז משה גרינבוים געשטאַנען פאַרן בית דין של מעלה און זיך געוווּנדערט, ווען מען האָט אויסגערופן זיין נאָמען״.

אַ גאָר בולטע דוגמה פון אַ שבח־באַנעם האָבן מיר ביי פייוול זיגלבוים, וואָס דערציילט וועגן זיין פאָטער: „ר׳ יאָסקע לערער, אַז ער איז געווען ״אַן אַסקעטישער שווייגער, מיט נישט פאַרשטענדלעכע דרכים, פאַרשלאָסענע ספרים און אַ פאַרשלאָסענער וועלט אין זיך אַן אמתער ״יאָסקע שווייג״ (״ישראל־שטימע״, י״ב אייר תשל״ב).

ט

אָבער אַ סך מער האָבן מיר צו טאָן מיט גנאי־באַנעם, און דאָס אפילו אין אַקטואַלע דוגמות — אַזוי, אַ שטייגער האָט משה עלבוים אין זיין אַרטיקל: די ״באַנטשע שווייגס פון פּוילן״ (״פאָרווערטס״, 24 אַפּריל 1968) שווערע תרעומת קעגן באַקאַנטע יחידים אין פּוילן וואָס ער איז פּורש בשמם, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך גבורה אין זייער לעבן, האָבן אָבער נישט געהאַט קיין מוט זיך אַנטקעגן שטעלן גאָמולקאָס ליגנס, און ער קאָנקלודירט: ״נעבעך! נעבעך! זיי קענען דאָך שוין ניט קריגן, ווי באַנטשע שווייג ביי פּרצ׳ן, קיין ״בולקע מיט פּוטער״. אָבער אויב פּאָלעמישער באַנוץ זענען פאַראַן שטאַרקערע דוגמות — אַזוי אברהם גאָלאָמב וואָס האָט זיך צוויי מאָל באַשעפטיקט מיט דער טעמע.

ערשטנס, אין זיין אַרטיקל: ״באַנטשע שווייג און בען בלאַז״ (אונדזער קיום תשכ״ו), ווי ער ברענגט בקיצור אונדזער מעשה און איז ממשיך: ״פּרץ האָט אָבער די מעשה ניט פאַרענדיקט און די מעשה גייט ווייטער. ווען דער פּראָקוראָר [פון בית דין של מעלה] האָט דערהערט באַנטשעס בקשה, האָט עס אים אָפּגעעקלט, ער האָט אַ שפּיי געטאָן און געהייסן געבן באַנטשען הונדערט בולקעס אַ טאָג, און האָט אים אַ בריקע געטאָן: דער אב בית דין וויל מער נישט קוקן אויף דעם נישטיקן מענטשעלע. פון דעם בריק איז באַנטשע שווייג געפלויגן איבער ימים, איבער אָקעאַנען און איז אַריינגעפאַלן קיין אַמעריקע״. און דאָ גייט אַ פּרשה אַמעריקאַנער נוסח באַנטשע, וואָס בייט דעם נאָמען אויף בען בלאַז, שעמט זיך צו רעדן יידיש ווען אַ גוי הערט; דערלאָזט נישט, אַז זיינע אייגענע קינדער זאָלן זיך דערוויסן פון זיין באַנטשישן גלגול, האָט צער וואָס אַ גוי פאַרבעט אים קיינמאָל נישט אויף אַ טעפּעלע קאַווע; דינגט ספּעציעלע מענטשן, וואָס זאָלן אים העלפן געפעלן די גויים, און בעיקר דינגט ער גויישע ראַביים, צו לערנען אים ווי אַרום דאַרף זיין אַ גוי; בויט אַ טעמפּל, וווּ דער ראַביי רעדט פּונקט ווי אַן אמתער גלח; ציט זיך אַרויס פון אַ יידישער סביבה און באַזעצט זיך צווישן גויים, פאַרוואַרפט יידישע מאכלים, און בלויז צום טאַטנס יאָרצייט קומט ער אין טעמפּל זאָגן קדיש, עסט לאַטקעס אין אַ דזשואיש רעסטאָראַן, וכדומה. דער סיום פון דער סאַטירע גייט אַזוי: „אַמעריקע איז אַ גוט לאַנד, ווייל דאָ קען מען זיין אַ פאָלנער גוי, און מען דאַרף זיך אפילו ניט שמדן! דאָס איז די תורה פון דער אַמאַליקן באַנטשע שווייג, וואָס איז אין אַמעריקע געוואָרן מיסטער בען בלאַז, געלויבט און געאַכפּערט זאָל זיין זיין נאָמען״.

צווייטנס, אין זיין אַרטיקל וואָס איז אַ מין המשך פון פריערדיקן און הייסט: ״קנעכטישע יידן אין פרייע לענדער״ (״בני יידיש״, העפט 1, טבת שבט תשכ״ח, ״קענעדער אָדלער״ 12 מאַי 1968) — און דאָ לייענען מיר: ״צו פיל באַנטשעס זיינען פאַראַן ביי יידן? צו פיל! און איבערהויפּט זיינען צו פיל אין די פרייע אַמעריקעס! — אַז דער גוף איז פאַרשקלאַפט, קעמפט מען ביז ער ווערט פריי. אַז די נשמה איז אַ קנעכטישע, ווער וועט קעמפן, ווען וועט זי באַפרייען?״. און נאָך עטלעכע בולטע דוגמאות פון קנעכטשאַפט, הערן מיר: ״אַט אַזוי זעט אויס אַ פאָלק פון באַנטשע שווייגס, וואָס קלאָגט אויף אַ קנעכטשאַפט און האָט נישט קיין ווילן און נישט קיין מוט זיך צו באַפרייען.

ווי מיר זען האָט זיך דער נעגאַטיווער, סאַטירישער אָפּשאַץ פון דעם יחיד באַנטשע, אויסגעברייט צו אַ קאָלעקטיוו־קריטיק פון אַ גרויסן כלל, כמעט כלל ישראל. הייסט עס דאָך ״ווייל מיר זיינען קנעכט, עבדים היינו, און מיר זיינען עס אַזוי ביז היינט —״.

אָבער מיר געפינען זיך דאָך אַלץ צווישן יידן, און בלויז אין אַ קוריאָזן פאַל גייט דער באַנוץ מיט פּרצ׳ס פיגור אַרויס פון דער רעם

## פון ״לידער מיט אַ שמייכל״

### יוסף קערלער

מעג מען פרעגן טאָג־ווי־נאַכט
צי איך ״גלייך אַמעריקע״
בלייב איך רויק און באַדאַכט, —
ענטפער ווי געהעריק איז,

ווייל דעם פיינעם פעטער סעם —
צו וועמען אים פאַרגלייכן?
און דערצו נאָך און צו דעם,
איז גלייכער אים צו ״גלייכן״...

נאָר ניט ליב כ׳האָב ווען מע פרעגט
אין לאַנד פון מיינע אבות,
צי פון גלות כ׳בין אַוועק
נישט אויף קיין קאַטאָוועס.

מיינע זיסע ישראלער,
מיינע טרייע ברידער,
גיי דערלאַנג זיי אויפן טעלער —
צי איך בין צופרידן!

״איר זענט צופרידן? פרעגן זיי, —
וואָס איר זייט געקומען?״
פון אַזאַ מין שיינער שאלה
ווער איך שטאַרק פאַראומערט
און איך ענטפער ווי ביי יידן
מיט אַ קשיא אויף דער שאלה:

און איר,
איר זענט צופרידן,
וואָס איר אָטעמט,
כאָטש ס׳פעלט צומאָל אַ ביסל פרישע
לופט?

איר זענט צופרידן פון דעם שאָטן,
כאָטש עמיץ מיינט אַ מאָל —
ס׳איז אייער גוף?
און גלאַט, צי איז דאָס לעבן
אייך געפעלן:
מע קרענקט, מע עלטערט זיך
און ס׳גייט בכלל ניט גלאַט...

און נאָך אַ פראַגע,
וואָלט איך גערן שטעלן:
איר זענט צופרידן,
וואָס די מאַמע ט׳אייך געהאַט?

— אזוי, אַ שטייגער, ש. י. דאַרפזאָן, אין זיינס אַן אַרטיקל וואָס הייסט: אַן ענגלישער "באַנטשע שווייג" האָט שפּיאָנירט פאַר רוסלאַנד ("אידישע צייטונג", 20 אַפּריל 1961), אַ לאַנגע מעשה וועגן איינעם, פראַנק באַכאַרד, וואָס דער פאַרגלייך מיט באַנטשען איז סתם אַ ווילדער איינפאַל און האָט נישט קיין האַפט.

אַנדערש שטייט עס מיט אַ מעשה שהיה, מיט מער ווי פופציק יאָר צוריק, און וואָס האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין ענגלישן פאַרלאַמענט — אַ נעגער אין קעניע האָט, איינער אַליין, אָפּגעראַטעוועט אַ קאָלאָניאַל-באַאַמטן, וואָס אַ לייב וואָלט אים געוועזן געממיתט. אויף אַ שאלה אין ענגלישן פאַרלאַמענט האָט דער וויצע־קאָלאָניאַל־מיניסטער, אַרמסבי גור, געענטפערט, אַז דער גאַווערנער פון יענער קאָלאָניע האָט דעם נעגער אַריינגעשטעלט אין דער מעדאַליעס-ליסטע, וואָס מען וועט פירלייגן דעם קעניג, און דעמאָלט האָט ער געקריגן אַ מתנה — עטלעכע קאָלדערעס, ווי ער האָט אַממייסטן געוואונטשן. ביי אַ גרויס געלעכטער האָט מען דעם וויצע־מיניסטער געפרעגט, צי איז עס נישט אַ פאַקט, אַז דער נעגער האָט געקריגן בלויז איין קאָלדערע. דער וויצע־מיניסטער האָט געענטפערט, אַז ער ווייסט בלויז, דאָס מען האָט געפרעגט דעם נעגער, וואָס ער ווינשט זיך, און ער האָט געענטפערט: קאָלדערעס. די דאָזיקע ידיעה האָט געבראַכט דער "דבר" אין תל־אביב. (ח' ניסן תרפ"ז) אויף דער ערשטער זייט מיטן איבערקעפּל: בונצ'ה שווייג אַפריקאי. טייטש: אַן אַפריקאַנער באַנטשע שווייג.

משמע אַז דאָס כאַראַקטעריסטישע איז די קליינע ווונטש־השגה.

•

אַן אינטערעסאַנטע טאָפּעלע דוגמה פון אונדזער באַנוץ ליווערט אונדז ישראל רובין (רבקאי) — מיטן זעכציק־יאָריגן יובל פון באַרימטן סעקסואָלאָג מאַקס מאַרקוזע, האָבן זיך זיינע אָפּשאַצערס אָפּגעשטעלט דערויף, אַז כאָטש דער דאָזיקער געלערנטער איז שוין דעמאָלט געווען עטלעכע יאָר ביי אונדז אין לאַנד, ווייסט מען פון אים ווייניק, און דאָס אויך מחמת דעם וואָס מען וויל פון אים ווייניק וויסן, בעיקר אין תחום פון דער סעקסואַלער ווערקלעכקייט אין קיבוץ און קבוצה, און ישראל רובין האָט אים פאַרגליכן צו פּרצ'ס באַנטשע שווייג מיט אַן אַנדערן פירוש — נישט ווי איינער וואָס שווייגט, ווייל ער האָט נישט קיין ווונטשן, נאָר ווי איינער וואָס שווייגט כאָטש ער האָט גאָר אַ סך צו זאָגן, און דאַרף עס זאָגן, צום נוץ פון כלל, און זאָגט עס נישט, ווייל, נישט קענענדיק רעדן און שרייבן די שפּראַך פון פאָלק און לאַנד, ליגט זיין צונג אין קימפּעט.

ווי מיר זעען האָט דאָ רובין היפּש פאַרשפּיצט דעם משל און נמשל, אָבער נאָך פאַרשפּיצטער האָט ער עס אין זיינס אַן אַנדערן אַרטיקל געשריבן 1948, וואָס איז צום טייל אויך אָפּגעדרוקט צו זיין זכרון ("פּראָבלעמען", מאַי 1973). דער אַרטיקל טראָגט אַ כאַראַקטעריסטישן נאָמען: "באַנטשע שווייג אָדער באַנטשע שלאָג", און מיר לייענען: "דער באַנטשע שווייג־פּחדן איז מיטאַמאָל געוואָרן דער מוסטער פון העכסטן העראָיזם. אָט די וווּנדערלעכע ענדערונג איז פאָרגעקומען בימי היטלער און בעווין. אמת, אַז נאָך מיט צענדליקער יאָרן פאַר אונדזער שוואַרצסטער, שרעקלעכסטער "סדרה" אין לעבן האָט איבער די פאַרחושכטע הימלען, וו לייכטנדיקע מעטאָרן זיך באַוויזן רעוואָלוציאָנערע געשטאַלטן פון אַ "באַנטשע שלאָג". ער רעכנט אויס הירש לעקערט, פּנחס דאַשעווסקי, שלום שוואַרצבאַרד, און פירט אויס: "אין דער צייט פון ימי היטלער און בעווין, האָט אַנשטאָט איינציקע, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אָפּגעטרייסלט פון זיך די איינגעוואָרצלטע פּסיכ:יק פון לאַנגע דורות, די נשמה־שותפות מיט די באַנטשע שווייגס, בעל־בכי'ס, און נחום איש גמזוס — געווען אַמאָל אין יידישן מאַסן־לעבן באַנטשע שווייג און ער איז שוין כמעט נישטאָ. מיר און קיינער פון אונדז, זיינע אור־אור־אייניקלעך וועלן נאָך אים קיין טרויער־קדיש נישט זאָגן".

אמת נאָך יאָרן פריער הערן מיר פון שלמה ביקל: "דער בית דין של מעלה וואָלט ווינציקער געלאַכט ווען מען פרעזענטירט אים אַנשטאָט אַ "באַנטשע שווייג" — אַ "באַנטישע שריי" ("אינזיך און אַרומזיך", 1936, ז. 36). און עס האַנדלט זיך בעיקר אין איבערגיין פון שווייג צו שריי און צו שלאָג (אַלע הייבן זיך אָן מיט אַ שין). און וועגן דעם איבערגאַנג רעדט די פּאָעזיע, אין כל־ערליי רעגיסטערס — זע אַ שטייגער אפרים איזאַקאָוויטש: "וועט קומען אַזאַ טאָג אין דער וועלט אַ פאַרבלוטיקע / ווען באַנטשע וועט מער שוין נישט שווייגן / און גייען וועט ער דרייסטער און גייען וועט ער מוטיקער / אויף שטויבן פון זיינע נעכטיקע שטייגן? !" ("ס'איז מיר באַשערט", 1969 ז. 15); יוסף קערלער וועגן לייב קוויטקאָ: "דער פון ווען ס'האָט אַרויסגעשפּאַרט די שטומע טענה ווען באַנטשע שווייג האָט זיך צעבונטעוועט, באַקומען לשון" ("פאַרווערטס", 10 אויגוסט 1971). משה יונגמאַן ווייטער רעדט, בלשון רבים, און זאָגט: "באַנטשעס אויסגעהונגערטע נאָך אייגענע היימען וואָס וועט איר טאָן / אַז מ'וועט אייך פּלוצים געבן אין האַנט אַ גאַנצע גאַס, / ס'איז אייערע? / וווּ וועט איר באַהאַלטן די שטערן; / ס'זאָל זיי ביי אייך קיינער / ניט ווידער אָוועקנעמען. // מיט וואָס איינוויקלען די שטויבן / די שמייכלדיקע / געבן אַ גוט אויג? ווי אַזוי צוטוליען / די ווענט און די טירן צו זיך / און הערן: מען מעג... עס איז וואָר..." ("שמייכלען פון ארץ־הקודש" תשכ"ט, ז. 148).

אויף אַ ברייטער פאָן פון די טיפּישע געשטאַלטן אין דער מאָדערנער יידיש־ליטעראַטור געפינען מיר זיך אין ליד פון מאיר שטיקער: "באַנטשע שווייג ניט" (1966) און אָט איז עס, ווי עס שטייט און גייט: "באַנטשע שווייג, ניט ווי אַ ליימענער גולם / דער קרומער פישקע וואַרט אויף דיר אין מענדעלעס בויד / די קליאַטשע דורך האַגל און שניי־געוויטער, / וועט צעטראַמפּלען די נויט אויף יענער זייט פּלויט / און דיך ברענגען גלייך אין טוביהס גיטער. / באַנטשע, פאַרגעס אין דיין אָרעמען חלום / שלמה נגידס זייגער און גאָלדענע קייט / זשאַווערן איצט אין פינצטערע לאָמבאַרדן / נאָר ער ווייסט אַז זיין פרייד וועט זיין צעשפּרייט / אויף ביידע זייטן פון יידישן ירדן. //

באַנטשע, אַנטלויף פון עולם התוהו / קריך גיכער אַריין אין מענדעלעס בויד / דער קליאַטשעס קלאָגן ווי הייסע קוילן / וועלן צעשניידן נויט און אויסמיידן טויט — / עס פוילן די פעלדער און וועלדער פון פוילן.

---

# מ'דערציילט...

## משה גאָלדשטיין

### מעשים וועלכע מען קען נישט אַרויסברענגען פון מויל

ר' נתן האַנאָווער, וועלכער האָט איבערגעלעבט די פּאָגראָמען אין אוקראַינע (אין 17טן י"ה — גזרת ת"ח) שרייבט אין "יון מצולה", אַז דאָס וואָס די קאָזאַקן האָבן געטאָן די יידן, טאָר מען פון מויל נישט אַרויסברענגען, כדי דעם נאָמען מענטש נישט צו פאַרשוועכן...

### ר' נחמנס חיות

די עליה פון ר' נחמן מבראַצלאַוו קיין ארץ־ישראל האָט געדויערט העכער אַ יאָר. דאָס לאַנד פון די אבות האָט געמאַכט אויף ר' נחמנען אַ געוואַלדיקן איינדרוק. "דעם גאַנצן חיות וואָס איך האָב — פלעגט ער דערנאָך זאָגן, — איז נאָר דערפון וואָס איך בין געווען אין ארץ־ישראל".

### די שענסטע פּאָעמע

דער פילאָסאָף הערדער (1744—1803), אַ תלמיד פון קאַנט און אַ פריינט פון דיכטער געטע, האָט זיך אויסגעדריקט, אַז די שענסטע פּאָעמע אין דער וועלט איז די געשיכטע פון יידישן פאָלק...

### וועגן יידישער געשיכטע

אין יאָר 1848 האָט יום־טוב ליפּמן־צונץ (1794—1886), פון די גרונטלייגער פון דער יידישער וויסנשאַפט זיך געווענדעט מיט אַ פּעטיציע צום פּרייסישן בילדונגס־מיניסטער, אַז מען זאָל אין בערלינער אוניווערזיטעט עפענען אַ קאַטעדרע פאַר יידישער געשיכטע און ליטעראַטור. דער פילאָסאָפישער פאַקולטעט האָט געענטפערט: "עס האָט נישט קיין זינען אָפּצוטיילן די יידישע געשיכטע פון דעם וויסנשאַפטלעכן צוזאַמענבונד מיט דער אַלגעמיינער געשיכטע. אַזוי לאַנג ווי יידן האָבן אין דער וועלט־געשיכטע מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מלוכה, געהערט יענע געשיכטע צו דער געשיכטע פון אַלטערטום, היות אָבער יידן האָבן שוין מער נישט קיין מלוכה, גייט איבער זייער געשיכטע צו דער אַלגעמיינער קולטור־געשיכטע"...

### איידער אַרסטאָלאָגיע — בעסער לערנען די קונסט פון פירן מלחמות

רבנים פון דרום־פראַנקרייך האָבן זיך געווענדעט צום רמב"ם וועגן דעם גלויבן אין אַסטראָלאָגיע. אויף דעם האָט דער רמב"ם זיי געענטפערט: "אונדזערע אבות האָבן געפּטרט זייער צייט אין נאָכגיין די דאָזיקע לערעס (פון אַסטראָלאָגיע) פון וועלכע זיי האָבן דערוואַרט גרויסן נוצן. אַנשטאָט קאָנצענטרירן אַלע אָנשטרענגונגען אויף לערנען זיך די קונסט פון פירן מלחמות. אונדזערע נביאים האָבן מיט רעכט זיי געטאַדלט פאַר די דאָזיקע נאַרישקייטן, ווייל אין דער אמתן זענען זיי געווען נאַראָנים און געפּטרט צייט אויף אומנוצלעכע ענינים"...

### מענדעלע מוכר ספרימס מיינונג וועגן העברעיש און יידיש

מען האָט אַמאָל געפרעגט מענדעלע מוכר ספרים, וועלכע פון די צוויי שפּראַכן אין אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך. דערויף האָט דער זיידע געזאָגט: "יידיש און העברעיש איז אַ נאָז... אַ יידישע נאָז מיט צוויי נאָזלעכער — איינס יידיש און איינס העברעיש. נאָר אַזוי ווי ביי אַ יידישער נאָז, טרעפט, איז איין לעכל אַביסל פאַרשטאָפּט... אָטעמט בכן אויף וועלכן לעכל איר קאָנט"...